# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:24
מוצאי שב"ק....................6:56

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........ירמיה נ"ב-יחזקאל א'
בבלי.........................חגיגה י"ז
ירושלמי..........בבא קמא ל"ו
תוספתא.................קרבנות ה'
רמב"ם............טומאת מת י"ז


פרשת ויקהל, שבת שקלים, מברכים חודש אדר ב', כ"ה אדר-א', שנת תשפ"ב לפ"ק — שנה 11, גליון 26 (541)


# אַ וָואָרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דֶעם בַּאפֶעל פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ בּוֹיעֶן דֶעם הֵיילִיגְן מִשְׁכָּן, אָבֶער צוּם עֶרְשְׁט הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף הִיטְן דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, מֶען טָאר נִישְׁט אָנְצִינְדֶען קֵיין פֵייעֶר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. וָואסֶערֶע שַׁיְיכוּת הָאבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן, פַארְוָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט דִי הַקְדָמָה פוּן נִישְׁט אָנְצִינְדֶען אַ פֵייעֶר אוּם שַׁבָּת, אֵיידֶער מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי אִידְן אִיבֶּערְ'ן בּוֹיעֶן דֶעם מִשְׁכָּן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י"ז) מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת, בַּאקוּמְט מֶען אֱמֶת'עֶ יִרְאַת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת, מוֹרָא צוּ הָאבְּן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן. וַוייל אִין דִי וָואכְן טֶעג אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט, זַיין קָאפּ אִיז נִישְׁט אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, אוּן דֶערִיבֶּער קֶען עֶר אוֹיךְ מוֹרָא הָאבְּן פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, וֶוען מֶען אִיז אָבֶער פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, דֶעמָאלְט גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּנֶעם שִׁעְבּוּד אוּן גָלוּת, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ" (יְשַׁעְיָה נ"ה, י"ב), מִיט שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס פְרֵיי, אוּן דֶעמָאלְט הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

דֶער שְׁלֵימוּת פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז וֶוען אַ אִיד הָאט מוֹרָא נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, עֶר הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אָן רְשׁוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען אַ אִיד הָאט דִי שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וֶוערְט מְקוּיָם בַּיי אִים דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קי"ח, ו) "ה' לִי לֹא אִירָא מַה יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת. אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַארְנוּמֶען צוּ לוֹיפְן אוּן שַׁאפְן פַּרְנָסָה, עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט חוֹבוֹת, טִירְדוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, אוּן עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין אַז בֶּאֱמֶת פִירְט אַלֶעס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶענְטְשְׁן ווִילְן אִים שְׁטֶערְן זַיין אַרְבֶּעט אוּן פַּרְנָסָה, עֶר מֵיינְט אַז מֶען קֶען עֶפֶּעס צוּנֶעמֶען פוּן אִים. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, מֶען רוּעֶט זִיךְ אָפּ, מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת, דֶעמָאלְט אַנֶערְקֶענְט מֶען אַז דִי אַלֶע זַייטִיגֶע פְּחָדִים אִיז גֶעוֶוען בְּלוֹיז נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן נָאר פוּן אִים דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן.

אוּן דָאס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער עִיקָר צִיל פוּנֶעם מִשְׁכָּן, אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תְּרוּמָה) "נִתְאַוָּה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁיִּהְיֶה לוֹ דִירָה בַּתַּחְתּוֹנִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט וואוֹינֶען צְווִישְׁן אוּנְז, דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶער זָאל אַנֶערְקֶענֶען אוּן שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ קוֹדֶם אָנְגֶעזָאגְט דִי אִידְן אִיבֶּערְ'ן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אַז דִי אִידְן זָאלְן דוּרְךְ דִי שִׂמְחָה פוּן שַׁבָּת זוֹכֶה זַיין צוּ אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דָאס וֶועט זֵיי הֶעלְפְן אַז דוּרְךְ דִי מִשְׁכָּן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אֱמֶת'דִיג רוּעֶן בַּיי זֵיי.

סְפֶּעצִיעֶל הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט נִישְׁט אָנְצוּצִינְדֶען אַ פֵייעֶר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת", דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּקּוּנֵי זֹהַר, דַף קכה) לֵייגְט צוּ נָאךְ אֵיין וָוארְט, לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ - הַכַּעַס, זָאלְסְט נִישְׁט אָנְצִינְדֶען דָאס פֵייעֶר פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת נָאךְ מֶער וִוי מֶען הִיט זִיךְ פוּן פֵייעֶר. כַּעַס קוּמְט וֶוען אַ אִיד פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שׁוּלְדִיג, סַיי וָואס עֶס פַּאסִירְט אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אַלְס אַ נִסָּיוֹן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ צוּ זֶען וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. נָאר וֶוען מֶען פַארְלִירְט דֶעם שֵׂכֶל, מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט רֶעגְט מֶען זִיךְ אוֹיף, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (קֹהֶלֶת ז', ט') "כִּי כַעַס בְּחֵיק כְּסִילִים יָנוּחַ".

מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט אִין אַ אִידִישֶׁע הוֹיז אוּם עֶרֶב שַׁבָּת אוּן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אַז מֶען הָאט שֵׂכֶל מְווּתָּר צוּ זַיין, מֶען טַעֲנָה'ט זִיךְ נִישְׁט אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט נֶערְוֶועז, קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, מֶען שְׁפִּירְט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע אוּן גוּטֶע גֶעפִיל וָואס הָאט נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. אוּן פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם, אַז מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, בְּרֶענְגְט עֶס נֶעבֶּעךְ אָרֶעמְקֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ, דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט זַיין גוּט מַזָּל, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים פִילֶע לַיידְן אוּן צָרוֹת אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ. לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וֶועלְן מִיר דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטַארְקֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, מוֹרָא הָאבְּן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר מַאכְן דִי שְׁכִינָה רוּעֶן בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל וַיַּקְהֵל תש"ס)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## שַׁבָּת שְׁקָלִים

עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין דִי פְרֵיילִיכְקֵייט אִין דִי לוּפְטְן, מֶען גֵייט שׁוֹין בֶּענְטְשְׁן דֶעם צְוֵוייטְן חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן עֶס קוּמְט שׁוֹין דִי לִיכְטִיגֶע פִיר פַּרְשִׁיּוֹת, אַ צַייט וֶוען יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זי"ע הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אִיךְ וָואלְט גֶערְן שׁוֹין גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּ דִי ד' פַּרְשִׁיּוֹת, אִיךְ זָאל זִיךְ זֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן", דוּרְךְ דֶעם וָואס הֶערְט דָאס לֵיינֶען פוּן דִי פִיר פַּרְשִׁיּוֹת, בַּאקוּמְט מֶען אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צוּם עֶרְשְׁט הוֹיבְּט מֶען אָן מִיט "פַּרְשַׁת שְׁקָלִים". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ד'), וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט צְדָקָה, עֶפֶענְט אִים דָאס אוֹיף דִי טִיר צוּצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע עֲבוֹדַת ה', דָאס מַאכְט אִים פְרֵיי דִי וֶועג אַז עֶר זָאל קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י'.) רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה פַאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶונֶען, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים י"ז, ט"ו), אֲנִי בְּצֶדֶק אֶחֱזֶה פָנֶיךָ, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמ"ט, סָעִיף י"ד) אַז מֶען זָאל גֶעבְּן צְדָקָה פַארְ'ן דַאוֶונֶען. דֶערִיבֶּער אִיז דִי פַּרְשָׁה פוּן שְׁקָלִים - וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף צְדָקָה - גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן דִי עֶרְשְׁטֶע וַוייל מִיט דֶעם הֵייבְּט זִיךְ אַלֶעס אָן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה, חֵלֶק ב', סִימָן י"ט) "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִיצּוֹל מִיֵּצֶר הָרָע" - דוּרְכְ'ן גֶעבְּן שְׁקָלִים, וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; דָאס אִיז סַיי דָאס הֶערְן דִי פַּרְשָׁה פוּן שְׁקָלִים, וֶוען מֶען הֶערְט עֶס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט גֶעגֶעבְּן דִי שְׁקָלִים. אוּן אוֹיךְ טַאקֶע צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה וֶוערְט מֶען נִיצּוֹל

<<<<<<

# א גוט ווארט

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר, דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, דוּ הָאסְט אַ בָּארְד אוּן פֵּאוֹת. דוּ הָאסְט אַסַאךְ חֲבֵרִים וָואס קְרַאצְן דִי בָּארְד, פִּיצְן דִי בָּארְד, אָבֶער דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים.

דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן דְרַאפֶּע זִיךְ, זַיי שְׁטַארְק, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף דַיין הֵיילִיגְקֵייט. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת יא.) מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ בָּארְד, "זְקָנְךָ מְגוּדָל", וָואס דַארְפְסְטוּ אַזַא שֵׁיינֶע בָּארְד? עֶנְטְפֶערְט עֶר: "כְּנֶגֶד הַמַּשְׁחִיתִים", דָאס הִיט מִיךְ פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס, פוּן מַזִּיקִים אוּן קְלִיפּוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תִשָּׂא תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַ וַואּרֶעמֶע שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אָדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווִילְסְט הֶעלְפְן דַיין שְׁוֶועסְטֶער זִי זָאל נִישְׁט אַוֶועק גְלִיטְשְׁן פוּן אִידִישְׁקֵייט זָאלְסְטוּ אִיר רוּפְן צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ זִי זָאל פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִיר, מִיט דַיין ווַייבּ אוּן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; אַז זִי ווֶעט זֶען דַיין וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, דַיינֶע זִיסֶע קִינְדֶער אוּן דַיין שֵׁיינֶע אוֹיפְפִירוּנְג - וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט מִיט דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, דַאן ווֶעט זִי מַחְלִיט זַיין אָפְּצוּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ.

לֵיידֶער זֶענֶען דָא הַיינְט אַסַאךְ בְּנֵי הַנְּעוּרִים וָואס גֵייעֶן אַוֶועק פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה ווַייל זֵיי מֵיינֶען אַז דֶער 'נִישְׁט אִיד' הָאט אַ גוּט לֶעבְּן; עַל פִּי רוֹב זֶענֶען דָאס קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צֶעקְלַאפְּט קוּמֶענְדִיג פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטִיבֶּער, קִינְדֶער ווֶעם מֶען טְשֶׁעפֶּעט, אָדֶער קִינְדֶער וָואס טְרֶעפְן זִיךְ נִישְׁט דָאס פְּלַאץ אִין שְׁטוּבּ, אַלְץ רֶעזוּלְטַאט אַנְטְלוֹיפְן זֵיי צוּם סְמַארְטְפָאוּן אוּן קוּמֶען אָן צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן הַשֵּׁם יְרַחֵם. דֶערִיבֶּער, ווֶען מֶען ווַייזְט זֵיי אַ וַוארֶעמֶע אִידִישֶׁע הֵיים אוּן זֵיי זֶעעֶן דָאס לֶעבְּנְסְשְׁטֵייגֶער פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, ווִי עֶר רֶעדְט שֵׁיין אוּן אֵיידְל מִיט זַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, ווִי זִיס אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה אִיז, דוּרְכְדֶעם ווִילְן זֵיי אַלֶע בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן עַסְקָנִים וְכוּ', גֶעדֶענְק וָואס דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ ב, כב): "חִדְלוּ לָכֶם מִן הָאָדָם אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ כִּי בַמֶּה נֶחְשָׁב הוּא"; אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן אוּן זוּכְן עַסְקָנִים וָואס קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן ווֶענְד זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל אַרַיין לֵייגְן אִין דַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּן אִין אַלֶע אִידְן אַ רוּחַ טָהֳרָה - אַ הֵיילִיגֶע גֵייסְט אוּן אַ רֵיינְקֵייט, מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וָואס דֶעמָאלְט ווֶעט אַוֶועקְגֵיין דִי רוּחַ הַטוּמְאָה אוּן עֶס ווֶעט אַרָאפּ קוּמֶען אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דִי ווֶעלְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (זְכַרְיָה יג, ב): "וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע ווֶעגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל תשע"ט)

<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, נִישְׁט אַרַיין צוּ פַאלְן אִין זַיין נֶעץ.

סְפֶּעצִיעֶל ווֶען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה צוּ דְרוּקְן סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְקָרֵב אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז עֶס מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, אַז מֶען הֶעלְפְּט אַנְדֶערֶע אִידְן נִיצוֹל צוּ ווֶערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, אִין דֶעם זְכוּת הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען ווֶערְט אוֹיךְ נִיצוֹל פוּן אִים.

### נָאר אַ הַאלְבֶּע

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן גֶעבְּן אַ "מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל", נָאר אַ הַאלְבֶּע שֶׁקֶל, דָאס קוּמְט אוּנְז ווַייזְן אַז אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז נָאר אַ הַאלְבֶּע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ קֶען גָארְנִישְׁט אַלֵיין טוּן, מֶען מוּז צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל':) "אִלְמָלֵא הַקָּבָּ"ה עוֹזְרוֹ לֹא יָכוֹל לוֹ", אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין קֶען זִיךְ נִישְׁט קֶעגְן שְׁטֶעלְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, עֶר מוּז צוּקוּמֶען צוּ דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווֶען אַ מֶענְטְשׁ ווֵייסְט אַז עֶר אַלֵיין אִיז נָאר הַאלְבּ אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, דַאן ווֶערְט עֶר אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, עֶר קֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים, פֶּרֶק א', הֲלָכָה ג') "זֶה יִתְּנוּ כָּל הָעוֹבֵר עַל הַפְּקוּדִים - כָּל דְּעָבַר בְּיַמָּא יִתֵּן", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען דֶעם יַם סוּף זָאל גֶעבְּן אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל. וָואסֶערֶע שַׁייכוּת הָאט דָאס גֶעבְּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל מִיט'ן אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם יַם סוּף? נָאר דָארְט בַּיים יַם סוּף הָאבְּן אַלֶע אִידְן קְלָאר גֶעזֶען אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן, זֵיי מוּזְן צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם יַם פוּן פָארְנְט, דִי מִצְרִיִים פוּן אוּנְטְן, אוּן חַיּוֹת רָעוֹת בַּיי דִי זַייטְן, אוּן דַאן הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעעֶנְדִיג אַז נָאר עֶר קֶען זֵיי הֶעלְפְן, אוּן עֶר הָאט זֵיי טַאקֶע גֶעהָאלְפְן. אוּן דָאס ווַייזְט אוֹיךְ דֶער מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אַז אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז נָאר הַאלְבּ, עֶר מוּז צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל הֶעלְפְן.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף דָאךְ צוּקוּמֶען צוּ נִיסִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי קְרִיעַת יַם סוּף. חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב'.) "קָשֶׁה זִווּגוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף", אוּן אוֹיךְ (פְּסָחִים קי"ח.) "קָשֶׁה פַּרְנָסָתוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף", שִׁידוּכִים אוּן פַּרְנָסָה אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער ווִי קְרִיעַת יַם סוּף, קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן גְרוֹיסֶע נִיסִים אַזוֹי ווִי קְרִיעַת יַם סוּף, צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

אוֹיךְ ווַייזְט אוּנְז דֶער הַאלְבֶּער שֶׁקֶל אַז מִיר דַארְפְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן, אַ אִיד פַאר זִיךְ אַלֵיין אִיז נָאר אַ הַאלְבֶּער, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּזַאם מִיט נָאךְ אִידְן, ווֶערְט מֶען אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

הָמָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַחַשְׁוֵרוֹשׁ (אֶסְתֵּר ג', ח') "יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד" - עֶר הָאט גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף דִי אִידְן אַז זֵיי הַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם מִיט אַחְדוּת, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ צְווִישְׁן זִיךְ, אוּן דֶערִיבֶּער קֶען קוּמֶען אוֹיף זֵיי אַלֶע צָרוֹת. אוּן כְּדֵי דָאס צוּ פַארֶערְכְטְן הָאט אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה גֶעזָאגְט (שָׁם ד', ט"ז) "לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים" - אִידְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם, זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן בְּשָׁלוֹם, זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן בְּאַחְדוּת, אוּן דָאס ווֶעט זֵיי בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דָאס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אִינְדֶערְהֵיים, מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט דִי ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, לִיבּ הָאבְּן דִי ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ. ווֶען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלוֹם בַּיִת אִיז עֶר נִישְׁט קַיין גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, זַיין מֹחַ אִיז אִים צֶעמִישְׁט אוּן צֶעפְלוֹיגְן, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן. ווֶען מֶען בֵּייגְט זִיךְ אָבֶּער אַרָאפּ דֶעם קָאפּ, מֶען ווֵייסְט אַז אַלֵיין אִיז מֶען נָאר אַ הַאלְבֶּער מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי ווַייבּ אוּן נָאר אַזוֹי ווֶערְט מֶען אַן "אָדָם הַשָּׁלֵם" - אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, דַאן קֶען מֶען הָאבְּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט זִיךְ אַלֵיין. דִי נְשָׁמָה פוּן יֶעדְן אִיד אִיז אַ "חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל" - אַ חֵלֶק פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין. ווֶען אַ אִיד טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַאלְט דוּרְךְ אִין עֲבֵירוֹת, דַאן בְּלַייבְּט עֶר נָאר מִיט אַ הַאלְבֶּע נְשָׁמָה. דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ אִיד אִיז זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בַּאהֶעפְטְן זַיין נְשָׁמָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן ווֶעט עֶר זַיין אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע ווֶעג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אִיז נָאר דוּרְכ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בַּיים לֵיינֶען דִי פַּרְשַׁת שְׁקָלִים, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ ווֶערְן אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, מֶען זָאל זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן נָאנְט אוּן בְּאַחְדוּת מִיט אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע שְׁלוֹם בַּיִת.

### סְגוּלוֹת פוּן פַּרְשַׁת שְׁקָלִים

אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע סְגוּלָה אִיז דָא בַּיים לֵיינֶען פַּרְשַׁת שְׁקָלִים, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס מֶען בֶּעט אַ גַאנְץ יָאר זָאל נִתְקַבֵּל ווֶערְן לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן, עֶס זָאל גְרִינְג ווֶערְן אָנְגֶענוּמֶען.

דִי שְׁקָלִים הָאט מֶען גֶענוּצְט צוּ קוֹיפְן דֶעם קָרְבָּן תָּמִיד, אוּן דִי תְּפִלּוֹת הָאט מֶען מְתַקֵּן גֶעווֶען אַקֶעגְן דִי קָרְבָּן תָּמִיד, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט - ווֶען מֶען לֵיינְט פַּרְשַׁת שְׁקָלִים - דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע תְּפִלּוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע יָאר זָאלְן גְרִינְג נִתְקַבֵּל ווֶערְן, מֶען זָאל פּוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּטְס.

אוֹיךְ אִיז יֶעצְט דִי צַייט צוּ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ ווֶערְן מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק וָואס קֶען מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תִשָּׂא ג') אוֹיפְן פָּסוּק "כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַז יֶעדֶעס יָאר ווֶען דִי אִידְן ווֶעלְן לֵיינֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן שְׁקָלִים ווֶעט עֶר אַלֵיין דָארְט זַיין אוּן אוֹיפְהֵייבְּן זֵייעֶרֶע קֶעפּ. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעווֶען דֶער צַדִּיק אֱמֶת וָואס הָאט גֶעהָאלְפְן אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דָא אִין יֶעדֶע דוֹר, צַדִּיקִים וָואס הֵייבְּן אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי"ב), עֶס אִיז דָא צְווֵיי סָארְט רֶבִּי'ס. אֵיין רֶבִּי אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת ל', י"ב) "כִּי תִשָּׂא אֶת ר'אשׁ בְּ'נֵי יִ'שְׂרָאֵל", אַ רֶבִּי וָואס הֵייבְּט אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶר אִיז זֵיי מְחַזֵּק אוּן שְׁטַארְקְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶער צְווֵייטֶער רֶבִּי אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (שְׁמוּאֵל-א ב', ט') "ר'שָׁעִים בַּ'חֹשֶׁךְ יִ'דָּמוּ", דִי מֶענְטְשְׁן וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ בַּיי אַזַא רֶבִּי בַּאקוּמֶען גָארְנִישְׁט פוּן אִים, זֵיי בְּלַייבְּן מִיט זֵייעֶר רִשְׁעוּת, דִמְיוֹנוֹת אוּן זֵייעֶר חֲשֵׁכוּת. דֶערְפַאר יֶעצְט ווֶען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן שְׁקָלִים אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע רֶבִּי וָואס ווֶעט אוֹיפְהֵייבְּן דִי קֶעפּ פוּן אִידְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע ווֶעג.

ווֶען מִיר הֶערְן דִי וָואךְ דָאס לֵיינֶען פוּן פַּרְשַׁת שְׁקָלִים, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן, מִיר זָאלְן גֶעבְּן צְדָקָה אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְּלֶעצֶער, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר זֶענֶען נָאר הַאלְבּ, מִיר מוּזְן צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר מוּזְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן, לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי פַאמִילְיֶע, זוֹכֶה זַיין צוּ בֶּעטְן אַלֶעס נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת זָאלְן נִתְקַבֵּל ווֶערְן לְרַחֲמִים וְרָצוֹן, אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן נָאר בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס קֶענֶען אוֹיפְהוֹיבְּן אוּנְזֶערֶע קֶעפּ, וָואס קֶענֶען אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס, אוּן אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. (שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ אַרְבַּע פַּרְשִׁיּוֹת וְשַׁבַּת שְׁקָלִים)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קלג)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רָב פוּן לַאדִיזִין, ר' דוּב חַיָה'לֶעס, דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פַארְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס פוּן דֶעם וֶוערְט נִתְגַלֶה דֶער סֵפֶר הַמִּדוֹת.**

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין טָאכְטֶער צוּ אַ בָּחוּר פוּן זַיין יְשִׁיבָה וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט גָאר פְלַייסִיג בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ זִיצְן כְּסֵדֶר אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן לֶערְנֶען, סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי נֶעכְט.

אֵיינְמָאל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען צוּ אִים אַ מַגִיד פוּן הִימְל צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים יֶעדֶע נַאכְט, דֶער מַגִיד אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, נִישְׁט פוּן דִי קְדוּשָׁה, [מִסְתָּמָא אִיז עֶר נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין עֶפֶּעס, אוּן דֶערְפַאר הָאט דִי סִטְרָא אַחְרָא גֶעהַאט אַ כֹּחַ זִיךְ אָנְצוּכַאפְּן אִין אִים]. דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר קֵיינֶעם, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דֶער מַגִיד אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער מַגִיד אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרֶעדְן דֶעם אִינְגֶערְמַאן צוּ טוּן גָאר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז פוּן הִימְל, אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר דָאס טוּן, וֶועט בַּיי אִים גֶעבּוֹירְן וֶוערְן דִי נְשָׁמָה פוּן מָשִׁיחַ. דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט אִים גֶעגְלוֹיבְּט, אוּן הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין וַוייבּ דֶערְוֶועגְן, עֶר הָאט אִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרֶעדְן אוּן אִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ מַגִיד פוּן הִימְל וָואס הָאט אִים גֶעהֵייסְן דָאס טוּן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶע זַאךְ, דָאס קוּמְט פוּן הִימְל.

זַיין וַוייבּ אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז זִי גֵייט קוֹדֶם פְרֶעגְן אִיר טַאטֶע. וֶוען זִי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר אִיר טַאטֶע אִיז עֶר זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן דָאס צוּ הֶערְן, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער מַגִיד אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, עֶר הָאט גְלַייךְ גֶערוּפְן זַיין אֵיידֶעם אוּן אִים גֶעזָאגְט, "וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער מַגִיד אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן דֶער סִימָן דֶערְצוּ אִיז אַז בַּיי אַ מַגִיד פוּן דִי קְדוּשָׁה אִיז אַיינְגֶעקְרִיצְט אַלֶע א-ב אוֹיף זַיין שְׁטֶערְן, אוּן דִי אוֹתִיוֹת פוּנֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא לַייכְטְן אוֹיף זַיין שְׁטֶערְן; וְוִידֶער בַּיי אַ מַגִיד פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אִיז טַאקֶע אוֹיךְ דָא אַלֶע א-ב אוֹיף זַיין שְׁטֶערְן, אָבֶּער דִי אוֹתִיוֹת פוּנֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה שַׁיינֶען נִישְׁט. דֶערִיבֶּער, וֶוען דֶער מַגִיד וֶועט נָאכְאַמָאל קוּמֶען צוּ דִיר, אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַז דִי אוֹתִיוֹת פוּן שֵׁם הַוַיָ"ה לַייכְטְן נִישְׁט, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז עֶר אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן אִים. אוּן אִיךְ זָאג דִיר אַז עֶר וֶועט דִיר זִיכֶער וֶועלְן שֶׁעדִיגְן, דֶערִיבֶּער גֶעבּ אִיךְ דִיר אִיבֶּער שֵׁמוֹת אוּן קַמֵיעוֹת, אַז עֶר זָאל דִיר גָארְנִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן".

יֶענֶע נַאכְט אִיז דֶער מַגִיד גֶעקוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט טַאקֶע גֶעזֶען אַז עֶס שַׁיינְט נִישְׁט בַּיי אִים דִי אוֹתִיוֹת פוּן שֵׁם הַוַיָ"ה, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, עֶר הָאט גֶעטוּן אַלֶעס וָואס זַיין שְׁוֶוער הָאט אִים גֶעהֵייסְן, אוּן עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אִים.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז עֶר זֵייעֶר אוֹיפְגֶעפְלַאמְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ ר' דוּב, "אָבֶּער בַּיי אוּנְז, בָּרוּךְ ה', לַייכְטְן אַלֶע אוֹתִיוֹת פוּן דִי אַלֶף בֵּית!", דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶערוּפְן רֶבִּי נָתָן אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר הָא-ב.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בַּיי זִיךְ אִין אַ קְלֵיינֶעם הֶעפְט אַלֶע א-ב, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן פַאר רֶבִּי נָתָן צוּ בְּרֶענְגֶען פַּאפִּיר מִיט טִינְט, דֶער רֶבִּי הָאט פָארְגֶעזָאגְט פַאר אִים וָואס צוּ שְׁרַייבְּן, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דֶעמָאלְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בְּעֶרֶךְ אַ הַאלְבְּן בּוֹיגְן, אוּן מֶען הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט. דְרֵיי פִיר חֳדָשִׁים שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר נָאךְ אַבִּיסְל גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דָאס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִינְגַאנְצְן פַאר אוּמְגֶעפֶער צְוֵויי יָאר, וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט דֶעמָאלְט גֶעעֶנְדִיגְט אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן דֶעם גַאנְצְן עֶרְשְׁטְן חֵלֶק פוּנֶעם סֵפֶר הָא-ב.

דֶער סֵפֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶערִין, כְּדֵי צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּנְזֶערֶע מִידוֹת.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

<<<<<< נייעס

צייט, און וועט באגלייטן אלעמען אהיים ווען מען וועט מיטנעמען מיט זיך פילע באגאזשן מיט עצות און שכל פון ראש ישיבה אויף א גאנץ יאר.

רעדנדיג מיט איינע פון אנשי שלומינו דערציילט ער ווי ער האט געפרעגט א חבר אויב ער קומט צום שבת התוועדות, און הערנדיג ווי ער קווענקלט צוליב וואס עס קאסט געלט זאגט ער אים, "איך מאך מיט דיר א געשעפט, איך וועל אינוועסטן דאס געלט וואס עס קאסט דיר דער שבת, בתנאי אז האלב פון די רווחים וואס דו נעמסט ארויס פון דעם שבת פאר דיר און דיין משפחה, באקום איך...". ארויסברענגענדיג דערמיט, אז דער שבת התוועדות מיט'ן ראש ישיבה שליט"א איז אפילו בגשמיות די בעסטע אינוועסטמענט, וואס צאלט זיך אויס טויזנט מאל, און איז בכלל נישט קיין "הוצאה", נאר א גאר גוטע "אינוועסטמעט" פון וואס מען וועט ארויסנעמען פירות ברוחניות ובגשמיות פי כמה וויפיל מען לייגט אריין.

נאך געציילטע צימערן פארבליבן, כאפט אריין ווי לאנג עס איז נאך דא, רופט 347-415-2888 צו רעזערווירן.

**מעין עולם הבא יום שבת מנוחה!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# פַארְוָואס אִיז דֶער פְרֵיילִיכֶער פּוּרִים אַזוֹי אָנְגֶעצוֹיגְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן פּוּרִים, אִיךְ הָאבּ קע"ה פִינְף קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן עֶס קוּמְט מִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס אַרוּמְלוֹיפְן אוּם פּוּרִים פוּן אֵיין בַּאבֶּע צוּ דִי אַנְדֶערֶע, אִיךְ טְרַאכְט אַז פּוּרִים וָואלְט גֶעדַארְפְט זַיין אַזַא פְרֵיילִיכֶע טָאג, מֶען זָאל זַיין אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, מַאכְן אַ פְרֵיילִיכֶע סְעוּדָה, אוּן טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיף אַלֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן אוּן טוּט נָאכְאַלְץ מִיט אוּנְז, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶס מִיר אַזַא אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְטֶע טָאג וָואס מֶען דַארְף אַרוּמְלוֹיפְן צוּ אַלֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, אוּן בַּיי יֶעדֶע הוֹיז דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל אוֹיסְטוּן דִי מַאנְטְלֶען אַז יֶעדֶער זָאל זֶען ווִי שֵׁיין דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְשְׁטֶעלְט, אוּן דִי קִינְדֶער אַלֵיין זֶענֶען אִינְגַאנְצְן צֶעדְרֵייט, אוּן אַזוֹי בְּלַייבְּט נִישְׁט צוּפִיל כֹּחַ אוּן מֹחַ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

אוֹיסֶער דֶעם הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק חֵשֶׁק אָנְצוּקוּמֶען אוּם פּוּרִים אָוֶוענְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען קַיין סַאךְ וַויין אַ גַאנְצְן טָאג אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ אוּן נָאךְ קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין שׁוּל, אָבֶּער נָאךְ אַזַא שְׁוֶוערֶע טָאג דַארְף אִיךְ נָאךְ אַהֵיימְגֵיין הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער אוּן נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ אַרַיין אִין בֶּעט אוּן אוּם שׁוּשַׁן פּוּרִים הָאבּ אִיךְ אַזוֹי חֲרָטָה פַארְוָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל. יֶעדֶעס יָאר וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן "צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי", ווִי אַזוֹי דֶער אִיד אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן בַּיים טַאנְצְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיי רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער ז"ל, שְׁטֶערְט מִיךְ עֶס נָאכְאַמָאל אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין פּוּרִים מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

מַיין שְׁאֵלָה אִין קוּרְצְן אִיז צְוֵויי זַאכְן: אֵיינְס אַז עֶס אַ שְׁוֶוערֶע טָאג בִּכְלַל, אוּן צְוֵוייטְנְס אַז אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן אִין שׁוּל. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּן עֶפֶּעס חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אוֹיף דֶעם? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן כֹּחַ פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַקְהֵל, י"ט אָדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ ווִי אַזוֹי מֶען קוּקְט דֶערוֹיף; אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט וָואס עֶלְטֶערְן זֶענֶען, מֶען הַאלְט דִי עֶלְטֶערְן טֵייעֶר, - אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ גֵיין צוּ זֵיי; אַדְרַבָּה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ וֶוען עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב וְכַדוֹמֶה, מֶען וַוארְט אוֹיף אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט וֶוען צוּ גֵיין צוּ אַ זֵיידֶע, אַ בַּאבֶּע - זֵיי מְחַיָ' זַיין אוּן נֶעמֶען בַּיי זֵיי אַ בְּרָכָה. בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס וֵוייסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן עֶלְטֶערְן - אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, צוּ קֶענֶען גֵיין פּוּרִים מִיט דִי מִשְׁפָּחָה; עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער אָנְצוּטוּן אוּן אוֹיסְטוּן דִי מַאנְטְלֶען, וַוייזְן פַאר יֶעדֶע זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע דִי פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס, עֶס אִיז אַ שִׂמְחָה אוּן אַ פְרֵייד.

נִישְׁט אַלֶע זֶענֶען זוֹכֶה צוּ קֶענֶען גֵיין צוּ עֶלְטֶערְן, אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת וָואלְטְן גֶעוָואלְט גֵיין פּוּרִים צוּ זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס אָבֶּער זֵיי הָאבְּן לֵיידֶער נִישְׁט; אַז דוּ הָאסְט בַּאבֶּעס מִיט זֵיידֶעס וואוּ צוּ גֵיין מִיט דַיינֶע

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< שו"ת ברסלב

קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד. אוֹיךְ אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, מְחַיָּ' זַיין עֶלְטֶערְן; עֶס אִיז פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְווֹת אִין דִי תּוֹרָה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים, זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיסְנִיצְן דֶעם טָאג מִיט גוּטֶע זַאכְן אוּן טוּן דִי מִצְווֹת מִיט שִׂמְחָה. פּוּרִים אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע טָאג, מֶען קוּמְט צוּ דִי בְּחִינָה פוּן (מְגִילָּה ז:): "עַד דְלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְכַי", מֶען וֶוערְט גֶעוואוֹיר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, בִּבְחִינַת "אָרוּר הָמָן", אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט אַלֶעס גוּט, בִּבְחִינַת "בָּרוּךְ מָרְדְכַי"; אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען קוּמְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגָּא, מֶען וִויל גָארְנִישְׁט - נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וִויל גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט; עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט', עֶר דַארְף נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, - דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וואוּ עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ. מֶען קֶען שְׁרֵייעֶן (תְּהִלִּים כה, יז): "צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ, מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי", - וואוּ אִימֶער מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ, מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין דַוְקָא צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ קֶענֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַזַא שֵׂכֶל, אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיבֶּעראָל, עֶר אִיז זִיךְ מְחַיָּ' מִיט אֱמוּנָה וואוּ עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ.

אַוַדַאי אִיז אַ גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג, מֶען טַאנְצְט אִינְאֵיינֶעם, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אִינְאֵיינֶעם, מֶען וֵויינְט אִינְאֵיינֶעם, מֶען דַאנְקְט אִינְאֵיינֶעם וְכוּ' וְכוּ'; אָבֶער דָאס אִיז נָאכְן זַיין מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, נָאכְן זַיין בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, עֶלְטֶערְן קוּמֶען פַאר דֶעם; גֵיין צוּ עֶלְטֶערְן, זֵיי מְחַיָּ' זַיין - אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל תשפ"ב)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **ישראל סאמעט** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **שמואל קאהאן** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **גדלי' רויך** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **משה פארקאש** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

## זייט מתפלל!

פאר ר' **יצחק בן פייגלא**
**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## מסיבת הכרת הטוב "רענט קאמפיין" מוצש"ק פקודי

די "רענט קאמפיין" ווערט אנגעפירט שוין פילע יארן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט דורך מו"ה שבתי דוד מארקוס הי"ו און מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו וועלכע טראגן דעם עול צו באצאלן די חודש'ליכע רענט פאר די בנינים פון די הייליגע מוסדות. די צוויי חשובע אינגעלייט ווערן אויפגענומען מיט גרויס ווארעמקייט יעדן חודש דורך אנשי שלומינו, וועלכע שפירן א זכיה צו קענען צולייגן א פלייצע און ארויסהעלפן באצאלן די חודש'ליכע רענט, וואס מיט דעם נעמען זיי אראפ דעם פינאנציעלן עול וואס איז געליגן אויפן ראש ישיבה שליט"א, אזוי אז דער ראש ישיבה שליט"א קען זיך אפגעבן מיט מער הרחבת הדעת מיט אונז, ארייננצולייגן אין אונז די עצות און חיזוק פון הייליגן רבי'ן, אונז מקרב זיין צום אייבערשטן און אונז שטארקן מיט תורה און תפלה און חיזוק אנצוגיין אין לעבן.

עס איז מערקווירדיג צו זען ווי אנשי שלומינו האבן גאר א שטארקע געפיל צום "רענט קאמפיין", יעדער שטרענגט זיך אן יעדן חודש איבער די כוחות אנטייל צו נעמען אין די וויכטיגע צדקה, דאס איז צוליב דעם וואס דער "רענט קאמפיין" פארקערפערט אין זיך פילצאליגע הייליגע וויכטיגע צוועקן אויפאמאל. מיט'ן ארויסהעלפן צאלן די רענט, האט מען א גלייכער טייל אין די פילע הייליגע ארבעט וואס קומען פאר אין די בנינים; דאס רעכנט אריין דעם בית המדרש, ישיבה גדולה, ישיבה קטנה, תלמוד תורה, מיידל סקול, כולל, די באזאר וואו מען קען באקומען גוטע קליידונג פאר גאר ביליג, די "עטרת אפפעל" חתונה זאל וואס שטעלט צו חתונות פאר אומזיסט, די אפיסעס פון קרן הדפסה היכל הקודש וואס פארשפרייטן אמונה איבער די וועלט, ווי אויך קומט פון דארט ארויס די דרשות און שיעורים, ברויו און קונטרסים, וואס באלייכטן די גאנצע וועלט און ברענגען צוריק אזויפיל אידן צום אייבערשטן, און נאך פיל. דאס דערקענט זיך אין די שטארקע געפיל וואס אנשי שלומינו האבן צום "רענט קאמפיין", עס איז זעלטן צו טרעפן אזא וויכטיגע צוועק וואס נעמט אריין אין זיך אזויפיל זכותים.

דעם קומענדיגן מוצאי שב"ק פרשת פקודי וועלן אנשי שלומינו זיך צוזאמקומען צו א הערליכע סעודת מלוה מלכה און מסיבת "הכרת הטוב" וואס ווערט צוגעשטעלט געווארן יאר יערליך אינעם בנין הישיבה אין וויליאמסבורג לכבוד די אלע טייערע אינגעלייט וואס נעמען אנטייל און העלפן באצאלן די רענט פאר די בנינים פון די הייליגע מוסדות במשך די גאנצע יאר. עס איז ערווארטעט א שיינע רייכע אינטערעסאנטע פראגראם ביים מלוה מלכה פון וואס דער עולם וועט זייער הנאה האבן, ווי אויך וועט מען אויסגעטיילן מתנות פאר אלע נדבנים.

עס וועט זיין צוגעשטעלט באסעס פון קרית ברסלב ליבערטי, צו קענען אריינקומען מיטהאלטן דעם שיינעם מלוה מלכה. פאלגט נאך וויטערטיגע מעלדונגען.

**חלק כחלק יאכלו!**

***

## בלויז צוויי וואכן צום גרויסן שבת התוועדות "ארמון האטעל" סטעמפארד קאנעטיקוט

מיט גרויס עקסטאז גרייטן זיך אנשי שלומינו צום גרויסן שבת קודש, שבת סיום סדר מועד על סדר הש"ס, שבת קודש פרשת ויקרא, שבת זכור הבעל"ט, וואס וועט אפגעראכטן ווערן ברוב פאר והדר אינעם פראכטפולן מלכות'דיגן "ארמון האטעל" אין סטעמפארד קאנעטיקוט.

ווי די עסקנים געבן איבער, פילן זיך אן די רעזערוואציעס מער און מער מיט יעדן דורכגייענדן טאג, אז מען וויל נישט זיין קיין צועק לשעבר, מוז מען שוין יעצט באשטעלן א צימער, ווייל ווי זאכן גייען וועלן זיך אלע צימערן שוין זיין אנגעפילט גאר שנעל, און עס וועט נישט מעגליך זיין צוצושטעלן א צימער אפילו מיטן בעסטן ווילן.

דער האטעל אין סטעמפארד קאנעטיקוט, וואס איז ביז יעצט געווען באקאנט מיטן נאמען "קראון פלאזא" און האט לעצטענס געטוישט דעם נאמען צו "ארמון האטעל", ווערט צוגעגרייט דורך די פלייסיגע עסקנים מיט אלעם גוטן לכבוד שבת קודש, מען גרייט צו די רייכע מעניוס פאר אלע סעודות פון ערב שבת, שבת קודש, און מוצאי שבת קודש, די ספרים און סידורים פארן שבת קודש ווערן שוין געדרוקט, אזוי אויך גרייט מען זיך שוין פעסט צום הערליכן פראגראם וואס וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אנפילן אלע באטייליגטע מיט גאר געשמאקע רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע הנאה אויף די גאנצע

<<<<<<

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

## פורים אפטיילונג

**מגילת אסתר פארגעלערנט, שיעורים אויף פורים, מעשיות פאר קינדער, זיך אויסלערנען ליינען די מגילה, פורים'דיגס, און נאך**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 5**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

**הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י מו"ה אליעזר שטרויס הי"ו להצלחה בכל העניינים**

< BreslevCenter.com >